*RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON*
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn. N. Y. 11213
493-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

FREE TRANSLATION

By the Grace of G-d
Rosh Chodesh Iyar, 5743
Brooklyn, N.Y.

To All Participants in the Twenty-Eighth
Annual Convention of Neshei uBnos Chabad.
Brooklyn, N.Y.

Greeting and Blessing:

Since the Convention is taking place in the week that begins with Lag B'Omer, the inspiration, which that day brings, will surely still be fresh in your minds.

One of the main aspects of Lag B'Omer, on account of which this day has been distinguished as a joyous day in the midst of the Sefira period, is connected with the great Tanna (Sage) Rabbi Shimon bar Yochai (RASHBY).

The story of Rashby's persecution by the Roman rulers for promoting Torah and Yiddishkeit, and of having to hide in a cave for 12-13 years, is well known. The Talmud relates that when he finaly was able to come out of his hiding place, his first question was whether there was some situation in which he could bring some relief to Jews in trouble. He was told of a place where Kohanim had to make a roundabout way, because there was a suspicion that a dead body might be buried along a section of the path. Rashby immediately threw himself into the problem, worked at it personally, until he was able to determine that the Kohanim were permitted to walk straight on along that path.

This seemingly simple story which the Torah, Toras-Chayim ("instruction in life"), relates, contains a profound lesson -

In addition to the obvious one, namely, showing how deep and selfless was Rashby's Ahavas-Yisroel (love for fellow-Jew). For, after having been isolated from his family and disciples for 12-13 years and finally regaining freedom, the first thing he thinks of is to help a fellow-Jew in some distress, and he does not rest until he actually carries it out.

The deeper lesson of it lies in the fact that after all those long years, when Rashby is ready to start life anew and continue his work for Klal Yisroel - he does not look for, nor does he sit back and wait for, some world-shaking achievement, but sets out immediately to help a few neighboring Jews, and only a segment of them (kohanim, and not even all kohanim, but only those who had to take that path), in order to save them some time and some energy!

The lesson is this: There are individuals who are preoccupied with thoughts and ideas of some colossal achievement, in areas that are beyond their reach, wherein they cannot possibly accomplish anything. In the meantime they let opportunities slip by, wherein they could accomplish things, be it even to help one individual Jew, or one single child, either materially or spiritually, or in both areas. And when the thought does occur to such an individual to do something practical, the Yetzer tells him, "What good will it do to have one Jew do this one Mitzva?" - And if this does not sound convincing enough, the seducer will whisper into his ear, "But surely such an 'ordinary' thing anyone else, even one who is not of the same calibre as you, can do it; while a person of your standing should think of greater things," etc. etc.

What can happen to an individual could happen also to a group, small or large, particularly when people assemble together for a Convention and the like, and the agenda and discussions are taken up with lofty ideas and plans that sometimes remain in the world of thought, and do not come down to earth in concrete action.

So Rashby teaches us: This is not the way! But everyone, man and woman, should and must do what he, or she, can do in actual deed, even if it may seem that it is not such a great accomplishment; for the truth is that any and every help to a fellow-Jew, be it small or great, is indeed a great accomplishment, in keeping with the Great Principle of our Torah - v'ohavto l're'acho komocho;

Particularly in the present challenging times, when so many Jews not only have to face the inconvenience of a "detour", but are actually lost and confused, hoping that someone would have the compassion to stretch out a hand to them and show them the right way.

May HaShem grant that the Convention should act, and move others to action, in keeping with the spirit and teaching of the Rashby as emphasized above, and in a manner of L'Chatchila Ariber ("going over the top in the first place"). And the Almighty will surely be matzliach in this, as well as in all one's needs, including one's family, also in a manner of l'chatchila ariber, both materially and spiritually.

With blessing for much Hatzlocho
and good tidings in all above,

/Signed: Menachem Schneerson/

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213
493-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, ראש חודש אייר, ה׳תשמ"ג
ברוקלין, נ.י.

צו דער 28טער יערלעכער קאנווענשאן
פון נשי ובנות חב"ד

ה׳ עליהן תחיינה

ברכה ושלום!

אזוי ווי די קאנווענשאן קומט פאר אין דער וואך וואס הויבט זיך אן מיט ל"ג בעומר, וועט מען דאך זיכער נאך שטיין אונטער דער פרישער באגייסטערונג וואס ל"ג בעומר ברענגט.

איינע פון די הויפט באדייטונגען פון ל"ג בעומר, וואס טיילן אויס דעם טאג אלס א פריילעכן טאג אין די טעג פון ספירה, איז פארבונדן מיטן לעבן און שאפן פון דעם גרויסן תנא רבי שמעון בר יוחאי (רשב"י).

ווי באוואוסט, איז רשב"י געווען פארפאלגט פון דער רוימישער ממשלה צוליב זיין טעטיקייט צו פארשפרייטן תורה און אידישקייט. האט ער גע-מוזט אויסבאהאלטן זיך אין א הייל 12-13 יאר. דערציילט די גמרא, אז ווען ער איז ענדלעך ארויס פון זיין באהעלטעניש, האט ער באלד געפרעגט אויב עס איז פאראן עפעס א זאך וואס ער קען פארלייכטערן אדער באפרייען אידן פון א שוועריקייט. האט מען אים אנגעוויזן א באשטימטן ארט, וואו כהנים דארפן מאכן אן אומוועג צוליב א ספק אויב דער ארט איז ריין פון טומאה. רשב"י האט זיך תיכף א ריינגעלייגט אין דער זאך, האט פערזענלעך געטאן אין דעם, ביז ער האט פעסטגעשטעלט, אז די כהנים מעגן גיין אין יענעם ארט.

אין דער דאזיגער, לכאורה גאר פשוטע געשיכטע וואס די תורה, תורת-חיים, הוראה בחיים, דערציילט, ליגט א טיפע הוראה -

אין צוגאב צום עצם ענין, וואס ווייזט די גרויסע אהבת-ישראל און מסירות-נפש פון רשב"י, וואס נאכדעם ווי ער איז געווען אפגעזונדערט פון זיין משפחה און זיינע תלמידים במשך פון צוועלף-דרייצן יאר, איז די ערשטע זאך באלד נאך זיין באפרייאונג פרעגט ער אויב ער קענען עפעס ארויסהעלפן אידן אין א שוועריקייט, און ער רוט ניט ביז ער פירט דורך די זאך בפועל.

דערביי שטעלט זיך ארויס אויך די נקודה, וואס בשעת, נאך די אלע יארן, איז רשב"י גרייט צו באנייען זיין לעבן און שאפן פאר כלל ישראל - זוכט ער ניט, און ווארט ניט אויף עפעס א געוואלדיגען אויפטו פון א וועלט-פארנעם, נאר פארנעמט זיך תיכף ארויסצוהעלפן א <u>טייל</u> אידן (בלויז כהנים, און ניט <u>אלע</u> כהנים, נאר די וואס האבן <u>דארט</u> געדארפט דורכגיין), כדי צו פארשפארן זיי אביסל צייט און מי!

איז די הוראה אין דעם: פאראן מענטשן וואס האלטן אין איין טראכטן וועגן עפעס א קאלאסאלע דערגרייכונג, און אין ענינים וואס זיינען ניט אפהענגיק פון עם און ער קאן אין זיי גארניט אויפטאן; און דערווייל לאזט ער דורך געלעגנהייטן צו טאן א מעשה בפועל אין ענינים וואו ער קען אויפטאן, צו העלפן אפילו איין איינציגן אידן, אדער איין אידיש קינד, בגשמיות אדער ברוחניות, אדער אין ביידע געביטן. און ווען ער גיט אמאל יא א טראכט צו טאן עפעס, זאגט אים דער יצר-הרע: וואס וועסטו שוין אויפטאן אז דו וועסט העלפן א אידן טאן א מצוה? - און טאמער וועט עס ניט פועלן, רוימט איין דער בעל-דבר <u>א</u>יין אין אויער, אז

אזא "איינפאכע" זאך קען דאך אפילו אן אנדערער, ניט אזא גדול ווי ער, טאן, און ער דארף טראכטן וועגן גרעסערע זאכן, וכו׳ וכו׳.

אזוי קען פאסירן ניט נאר מיט א יחיד, נאר אויך מיט א גאנצע גרופע, א רבים, בפרט ווען מ׳קומט זיך צוזאמען אויף א קאנוועגשאן, און מ׳פארנעמט זיך מיט ענינים און פלענער פון א וועלט-פארנעם, וועלכע ווערן דערנאך, ר״ל, ליידער פארגליווערט אין עולם המחשבה, און קומען ניט אראפ אין א מעשה בפועל.

לערנט אונז רשב״י: לא זו הדרך. נאר-יעדער איינער און איינע דארף און מוז טאן וואס ער (אדער זי) קען טאן, במעשה בפועל, אפילו ווען עס דוכט זיך אויס, אז ס׳איז ניט א גרויסער אויפטו; ווארום דער אמת איז, אז יעדע הילף צו א אידן, ווי גרויס אדער קליין דאס שיינט צו זיין, איז א גרויסער אויפטו, אין איינקלאנג מיט דעם כלל גדול בתורה - ואהבת לרעך כמוך.

בפרט אין דער היינטיגער צייט, ווען פיל אידן, ליידער, האלטן ניט נאר אין מאכן אן "אומוועג", נאר בלאנדזשען און ווארטן עמיצער זאל רחמנות האבן און קומען ווייזן זיי דעם ריכטיגען וועג.

ויהי רצון, אז די קאנווענשאן זאל טאן, און מעורר זיין צו טאן, אין אלעס אויבנגעזאגטע, אין אן אופן פון לכתחילה אריבער. און השי״ת וועט זיכער מצליח זיין אין דעם און אין אלץ וואס מ׳נויטיגט זיך, מיט אלע בני-בית שיחיו, אויך אין אן אופן פון לכתחילה אריבער, בגשמיות וברוחניות גם יחד.

בברכה להצלחה מרובה
ולבשורות טובות
בכל האמור